# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת קרח, ה' תמוז, אבות פרק ד', שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 40 (454)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:16
מוצאי שב"ק....................9:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............ירמיה י"ח-י"ט
בבלי........................שבת קי"ג
ירושלמי...................יומא כ"ו
תוספתא..................שבת י"ח
רמב"ם.....................אבל י"ד

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְיִלָּווּ עָלֶיךָ וִישָׁרְתוּךָ

מֶען זָאגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז פוּן הִימְל; אַז עֶר מוּז נָאךְ מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמוּד חָכָם, הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים מְגַלֶּה זַיין וֶוער דֶער תַּלְמוּד חָכָם אִיז, הָאט מֶען אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַז אִין בְּרָאד אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי אֶפְרָיִם'ל פוּן בְּרָאד [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן חַכַם צְבִי, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעוֶוען] אוֹיךְ הָרַב הַקָּדוֹשׁ בַּעַל תְּבוּאוֹת שׁוֹר, אוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי דַארְף עֶר מְשַׁמֵּשׁ זַיין. [אֵיין נוּסַח אִיז אַז נָאר דֶעם רֶבִּי אֶפְרָיִם'ל זצוק"ל דַארְף עֶר מְשַׁמֵּשׁ זַיין].

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, אוּן דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיסְגֶעדַארְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּלוּט אִין זִיךְ, דֶערְפַאר אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג קַאלְט גֶעוֶוען, אוּן אֲפִילוּ אִין חוֹדֶשׁ תַּמּוּז וָואס אִיז זֵייעֶר הֵייס, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין מִיט אַ פֶּעלְץ, אוּן מִיט אַ דָאכֶענֶע, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, קוּמְט אַרַיין צוּ אִים, פְרֶעגְט עֶר דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, וָואס ווִיל אַ אִיד? [וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דָאס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ], עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ; אִיךְ ווִיל מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם! זָאגְט עֶר אִים דֶעמָאלְטְס הֵייץ מִיר אָן דֶעם אוֹיוְון, וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, אַז יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט הָאלְץ אוּן אָנְגֶעהֵייצְט, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן דָארְטְן שְׁטַארְק הֵייס, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דֶעם פֶּעלְץ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע, דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם הָאט אָבֶער גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעבֶּעצִין, אוּן וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, אוּן גֶעזֶעהֶן דֶעם שְׁטַארְקְן הִיץ, הָאט זִי זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן, וֶוער אִיז דָא גֶעוֶוען אוּן אָנְגֶעהֵייצְט דֶעם אוֹיוְון?! עֶס קָאסְט דָאךְ מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אוֹיף ווִינְטֶער דַארְף מֶען דָאס הָאבְּן, וַוייל אוֹיף זוּמֶער אִיז גֶענוּג דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיטְן טִילוּפ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע, וַוייל ווִינְטֶער אֲפִילוּ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע וֶועט נָאךְ אוֹיכֶעט קַאלְט זַיין. אוּן זִי נֶעמְט אוֹיךְ אָנְשְׁרַייעֶן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעהַאט חַלִישׁוּת הַדַעַת, רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי אֶפְרָיִם צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ; "הָאט נִישְׁט קַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת", אוּן זָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין הִימְל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן, אַז מֶען ווִיל דַן זַיין אֵיינֶעם חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ', אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערְן בְּנֵי בַּיִת, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע זְכוּתִים פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהַאט גֶעדוּלְד, כָאטְשִׁיג זִי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, אוּן דָאס אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען, אַז מֶען הָאט אִים גֶע'פַּסְקְ'נְט, אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ. אָבֶער פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אָן אַ מַלְאָךְ אוּן שְׁרַייט, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד זְכוּת? הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דֶעם אִיד, אוּן גֶעזָאגְט, אַז דִי אַלֶע לִימוּד זְכוּתִים זֶענֶען גֶערֶעכְט, זָאל נָאר דֶער מַלְאָךְ אַרָאפְּקוּמֶען אוּנְטְן, אוּן הָאבְּן אַ וַוייבּ, אוּן לָאמִיר זֶען דֶעמָאלְטְס ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן! אוּן עֶר אִיז טַאקֶע אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אָנְגֶעקְלֵיידֶעט אִין אַ גוּף, אָבֶער עֶר אִיז נָאכְדֶעם גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן, [יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט גָארְנִישְׁט, וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר אִיז] אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט גֶטְ'ן ווִילְסְטוּ זִיךְ?! זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין אֵיין שְׁוֶוער שְׁטוּבּ. דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים וְכוּ', דֶעם סִיפּוּר הָאט דֶעמָאלְטְס רֶבִּי אֶפְרָיִם דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, אוּן אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, אוּן וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק אוּן זֶעהְן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בַּיי גַשְׁמִיוּת אוֹיךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיכֶעט זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(קוּנְטְרֵס אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אוֹיפְ'ן וֶועג ווִי אִינְדֶערְהֵיים

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַסַאךְ מָאל צוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דַארְפְן פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג. אֵיינֶער דַארְף יֶעדְן טָאג פָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, אֵיינֶער דַארְף אַמָאל פָארְן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, אִין דִי צַייט פוּן יָאר פָארְן אַסַאךְ אִידְן אַוֶועק פוּן דֶערְהֵיים אוֹיף דִי זוּמֶער וָואכְן, אָדֶער סַיי וואוּ אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַמָאל פָארְן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט גֶעוֶוענְלִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר. וֶוען מֶען אִיז אִינְדֶערְהֵיים, הָאט זִיךְ יֶעדֶער זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע סֵדֶר הַיּוֹם, וֶוען עֶר לֶערְנְט וֶוען עֶר דַאוֶונְט א.ד.ג. אָבֶער וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר צֶעמִישְׁט, אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט אוּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהֶערִיג.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֵוייסְט עֶר אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז עֶר דַארְף פָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג מֵיינְט דָאס אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אוֹיף אַזַא אוֹפָן קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן אִינְגַאנְצְן נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דֶעם וֶועג וָואס עֶר פָארְט.

דֶער עִיקָר אִיז דִי מוֹיל, ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטֶערְט פוּנֶעם וֶועג, וַוייל מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶע צוּ לֵייגְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה יֶעדְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה גֶעבּ אַפָּאר פְּרוּטוֹת לִצְדָקָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין בַּקָּשָׁה - וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען אַ יְשׁוּעָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צְדָקָה, סִימָן כז): "יִתֵּן לִצְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם, וְיִהְיֶה תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", מֶען זָאל גֶעבְּן צְדָקָה מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, דוּרְכְדֶעם וֶועט אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן דִי תְּפִילָּה.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין צְדָקָה, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט ווִי חָשׁוּב יֶעדֶע פְּרוּטָה אִיז; יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס מֶען לֵייגְט אִין פּוּשְׁקֶע בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נט, יז): "וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן" - אַז צְדָקָה אִיז אַזוֹי ווִי אַ פַּאנְצֶער, אַ פַּאנְצֶער אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ אַייזְן אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי פַייל זָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה נֶעמֶען זִיךְ צַאם אַלֶע פְּרוּטוֹת וָואס מֶען לֵייגְט אִין דִי פּוּשְׁקֶע אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְצֶער צוּ בַּאשִׁיצְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תש"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַז מְ'ווִיל רַאטֶעוֶועןדֶעם דוֹר, דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ה סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

עֶס רַייסְט בַּיים הַארְץ צוּ הֶערְן וָואס עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט קִינְדֶער, עֶס טְרֶערְט דִי אוֹיגְן וֶוען מֶען הֶערְט וִוי שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחוֹת מִיט טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער; אֵיין זַאךְ בְּלַייבְּט אִיבֶּער פַאר אוּנְז צוּ טוּן: בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף אַלֶע אִידְן, אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְטְס אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט דִי פְּרוֹי מָרַת ... תְּחְיֶ'; לֶערְנְט מִיט אִיר וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער. גֶעבְּט אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער - קִינְדֶער פוּן אַכְצְן יָאר - קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט שֵׁיין רֶעדְן אוּן מִיט קוּקְן גוּט אוֹיף זֵיי; אוֹיפְזוּכְן אִין זֵיי דִי בַּאהַאלְטֶענֶע פִּינְטֶעלֶע אִיד אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, אוּן זֵיי בֶּאֱמֶת לִיבּ הָאבְּן; נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי אָנְהַאלְטְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַאלְן וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ אַייךְ, וָואס אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן פוּנֶעם מַצַּב הַדּוֹר, וְוִי קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת; פַאר אַייךְ בְּלַייבְּט אִיבֶּער אֵיין זַאךְ: "הַפָּצָה, הַפָּצָה, הַפָּצָה"; וִוי מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן - פַאר מֵיידְלֶעךְ אוּן פְרוֹיעֶן, וַוייל נָאר דֶער רֶבִּי הָאט דִי שְׁפְּרַאךְ צוּ דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב קעד): "כִּי יָדוּעַ לָכֶם מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט בַּדּוֹר הַזֶּה", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דִי מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים פוּנֶעם דוֹר, "וְאֵין שׁוּם הַצָּלָה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, נָאר אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה, "וְאֵין מִי שֶׁיַּכְנִיס לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ, וּבִסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוער עֶס זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן קִיּוּם הַתּוֹרָה - הִיטְן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דוּרְךְ זַיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת אוּן הֵיילִיגֶע וֶועגְן.

אִיךְ וֶועל אַייךְ שִׁיקְן אַ בְּרִיוו אִיר זָאלְט דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר מָרַת ... תְּחְיֶ'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# אוֹיבּ מְ'ווִיל נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ה סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט מִיד וֶוערְן פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע טַאטֶעס אוּן מַאמֶעס וָואס וִוילְן הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

יֶעדֶע טְרֶער וָואס עֶלְטֶערְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת גֵייט אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיעֶךְ, בִּיזְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן בַּיים סוֹף זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן נא): "תְּפִלָּה שֶׁהִיא בִּדְמָעוֹת - הִיא מִתְקַבֶּלֶת", תְּפִלָּה וָואס קוּמְט מִיט טְרֶערְן - וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶר פְלֶעגְט הֶערְן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֵויינֶען פְלֶעגְט עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ אַזוֹי וֵויינֶען צוּ דִיר; דָאס מֵיינְט וֵויינֶען, אִיךְ וִויל וֵויינֶען צוּ דִיר אַזוֹי וִוי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֵויינֶען".

קוּקְטְס גוּט אוֹיף זֵיי וֶועט אִיר זֵיי אַלֶע מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תש"פ)

>>>>>>

קֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען נֶעמְט זִיךְ מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים, אוּן וואוּ מֶען גֵייט, כַּאפְּט מֶען אַרַיין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים א.ד.ג.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קי"ט) חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶיךָ. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אוֹיף דֶעם, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז', אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ".

קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט, דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז דָאךְ זִיכֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט פִירְן, אוֹיסֶער אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעפִירְט וִוי מֶען זֶעט אִין נַ"ךְ, הָאט עֶר דָאךְ זִיכֶער גֶעדַארְפְט זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג. דָאס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יֶעדְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דֶעם פְּלַאץ צוּ יֶענֶעם פְּלַאץ, צוּ דֶעם הוֹיז צוּ יֶענֶעם הוֹיז'", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וואוּ עֶר דַארְף אַלְץ גֵיין יֶענֶעם טָאג. "אָבֶּער מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר גֶעפִירְט אִין בַּית הַמִּדְרָשׁ", אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן פוּנֶעם וֶועג. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פוּנְקְט וִוי אִינְדֶערְהֵיים.

דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אִינְגֶעלַייט צוּ וִויסְן. גֶעוֶוענְלִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה נֶעמְט עֶר זִיךְ פָאר אַז עֶר גֵייט זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, עֶר גֵייט זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט לְמַעֲשֶׂה, דִי וַוייבּ שְׁלֶעפְּט אִים אַיינְקוֹיפְן, אָדֶער צוּ גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, וֶוערְט עֶר צוּמִישְׁט פוּן זַיין סֵדֶר, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּבְרָאכְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ נָאר מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ גֵיין, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיז צוּם הַארְץ?" דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מוֹיל מִיט אַ הַארְץ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ מֶער וִוי אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֶערְן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג פוּנְקְט וִוי עֶר וָואלְט גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

### שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ אַ מִינוּט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען מוּז פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט אַז עֶס קוּמְט אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס קַיין צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט אוּן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?" "בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט וָואס אִיךְ דַארְף". וֶוען מֶען פָארְט אָבֶּער אוֹיפְן וֶועג אוּן מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן, קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיטְן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען גֶעפִוּנְט זִיךְ אוּנְטֶערְוֶועגְס, קוּמְט מֶער אוֹיס צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, צַייט אִיז דִי טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן פַאר קַיין שׁוּם גֶעלְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶע מִינוּט צַייט וָואס עֶס גֵייט אַוֶועק לֵיידִיג אִיז אַ פַארְלוּסְט וָואס מֶען קֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי טַייעֶרֶע צַייט אוּן זֶען אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין לֵיידִיג, נָאר וֶוערְן אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. יֶעדֶע מִינוּט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער

<<<<<<

>>>>>>

איז שוין אַ געשטָארבּענע מינוט, עס וועט קיינמָאל נישט צוריק קומען, אויב מען האט עס אויסגענוצט ווי מען דַארף איז גוט, און אַז נישט איז עס שוין דערנָאך.

עס איז בַּאקַאנט וואס דער הייליגער חתם סופֵר זי"עַ האט געזָאגט אַז ער איז געוואָרן אַ תַּלמיד חָכָם פון פינף מינוט, און ווען די תַּלמידים האבּן זיך געוואונדערט: "ווי אַזוי קען מען ווערן אַ תַּלמיד חָכָם אין פינף מינוט?" האט ער זיי מַסבּיר געווען אַז ער רעדט פון די פינף מינוטקעלעך וואס ווערט פַארוואסערט בַּיי מענטשן, ער האט אָבער יָא גוט אויסגענוצט די קליינע מינוטקעלעך און פון דעם איז ער געוואָרן אַ תַּלמיד חָכָם.

ווען אַ מענטש זָאל גוט קוקן ווער ער זען ווי עס גייט אים ליידיג היבּש מער פון פינף מינוט, און ווען מען זָאל צוזַאם שטעלן די אַלע פינף מינוטן וואס גייען ליידיג בּמשך אַ טָאג, וועט עס אויסקומען צו אַסאך שָעה'ן. אָבער ווען מען זָאל אַכטונג געבּן נישט צו גיין ליידיג, קען מען זיך גָאר אַסאך אַיינקויפן אין די קליינע צייטן.

עס איז געווען בַּיי אַנשֵי שלומֵינו אַ גרויסער מענטש, דער רָב פון טשערין זי"ע, ער פלעגט זייער שטַארק היטן און אויסנוצן די צַייט, און אַזוי האט ער זוכה געווען צו מחַבּר זַיין אַסאך ספָרים, ער האט געמַאכט אַ פירוש אויף ליקוטי מוהַר"ן מיט'ן נָאמען "פַּרפְּרָאות לחָכמָה", און נָאך אַסאך ספָרים לויט'ן רבּינ'ס למודים, און דָאס אַלעס איז נָאר געווען אין זכות פון זַיין שמירַת הַזמַן.

מען דערצֵיילט אויף אים אַז ער פלעגט גיין שלָאפן גָאר פרי, גלַייך נָאך מַעריב איז ער געגאַנגען שלָאפן און ער פלעגט אויפשטיין בַּיי חֲצות און לערנען בּיז אינדערפרי ווען ער האט געדאַוונט וָתיקין.

אַזוי ווי ער איז אָבער געווען דער רָב פון שטָאט, האט ער געדַארפט מסַדר קידושין זַיין בַּיי יעדע חֲתונָה אין שטָאט, האט ער געהייסן דעם שַמָש אַז ער זָאל אים מעלדן ווען עס איז דָא אַ חֲתונָה אין שטָאט, און אַזוי האט דער שַמָש געטון, ער האט יעדעס מָאל אַיינגעמָאלדן פַאר'ן רָב איבּער די חֲתונָה, אָבער דער רָב פלעגט געווענליך נישט גיין מסַדר קידושין זַיין אַליין, ער פלעגט מכַבּד זַיין דעם דַיָין מיט סידור קידושין, און ער אַליין פלעגט נישט גיין צו די חֲתונָה.

איין טָאג ווען טשערינער רָב איז געגאַנגען דאַווענען וָתיקין האט ער געזען דָארט אַ חָתן, פרעגט ער דעם חָתן: "ווען האסטו חֲתונָה געהַאט?", זָאגט ער: "נעכטן נַאכט", איז דער טשערינער רָב צוגעגַאנגען צום שַמָש און אים פָארגעהַאלטן: "פַארוואָס האסטו מיר נישט געלַאדנט נעכטן צו די חֲתונָה?" האט דער שַמָש זיך פַארענטפערט: "איך זע דָאך אַז דער רָב קומט סיי ווי נישט צו די חֲתונָה, נָאר ער איז מכַבּד דעם דַיָין מיט סידור קידושין, האבּ איך געקלערט אַז עס פעלט נישט אויס צו רופן דעם רָב, איך וועל גלַייך זָאגן פַאר'ן דַיָין וועגן די חֲתונָה", האט אים דער רָב געענטפערט: "דו האסט מיר אָבער אָנגעוואוירן אַ נַאכט פון תּורָה", ווען דער שַמָש האט נישט פַארשטַאנען האט דער רָב אים מַסבּיר געווען אַז געווענליך גייט ער שלָאפן פרי און שטייט אויף צו חֲצות צו לערנען, אָבער ווען עס איז דָא אַ חֲתונָה אין שטָאט, און אַלס רָב וואלט דָאך געפַּאסט איך זָאל גיין צו די חֲתונָה און עס וואלט גענומען מסתָמָא אַ האלבּע נַאכט, און דערנָאך בַּיי חֲצות בּין איך דָאך סיי ווי אויף, וואלט איך אויפגעווען אַ גַאנצע נַאכט, און דערפַאר אַפילו איך גיי נישט צו די חֲתונָה, פיר איך זיך אָבער אַז ווען עס איז דָא אַ חֲתונָה בּין איך אויף אַ גַאנצע נַאכט און איך לערן תּורָה, און יעצט אַז דו האסט מיר נישט אַיינגעמָאלדן וועגן די חֲתונָה, האסטו מיר אָנגעוואוירן אַ נַאכט פון תּורָה... זעט מען וואס הייסט שמירַת הַזמַן, אויסצונוצן די צַייט ווי עס דַארף צו זַיין.

וואויל איז דעם וואס היט די צַייט, סיי אינדערהיים און סיי אונטערוועגנס, וועט ער מַצליחַ זַיין בּרוחָניות וּבגַשמיות און האבּן די וועלט מיט יענע וועלט אינאיינעם.

(שיחות מוהַרא"ש)



# שאֵלות וּתשוּבות בּרֶסלֶב

## קענען פּשוּטע מענטשן מלַמֵד זכוּת אויף אידן?

*שאֵלָה:*

לכָבוד דער ראש ישיבָה שליט"א,

ווען מ'רעדט צום אייבערשטן, מעג מען דעמָאלט אויף מלַמֵד זכוּת זַיין אויף אידן, ווי למָשָל זָאגן פַאר'ן אייבערשטן אַז אידן זענען בּאֱמֶת גוט נָאר ס'איז דָא זייער שווערע נסיונות.

צַדיקים פלעגן דָאך אַזוי רעדן צום אייבערשטן, איך וויל אָבער וויסן אויב פּשוטע מענטשן קענען דָאס אויך זָאגן, און ס'העלפט עפּעס מער פון סתם תּפילָה, אָדער איז דָאס נָאר אַן עֲבודָה פון צַדיקים?

יישר כֹּחַ פַאר אַלע שיעורים.

*תּשוּבָה:*

בּעֶזרַת ה' יתבָּרַך

יום א' פַּרשַת קֹרַח, כ"ט סיוָן, שנַת תש"פ לפרָט קָטָן

לכָבוד ... נֵרוֹ יָאִיר.

איך האבּ ערהַאלטן דַיין בּריוו.

מען זעט אַן אינטערעסַאנטע זַאך, ווען עס קומט צו בּעטן פַאר אידן עס זָאל זיי זַיין גוט, ווען עס קומט צו רעדן גוטס אויף אידישע קינדער, מלַמֵד זכוּת זַיין אויף זיי - דעמָאלט האט מען מורָא אויבּ מען איז געמַאכט פַאר דעם, מען טרַאכט אויבּ מען מעג רעדן, אֶפשָר איז דָאס נָאר פַאר צַדיקים, נָאר צַדיקים רעדן צום אייבערשטן גוטס אויף אידישע קינדער; ווידער די וואס זענען מקַטרֵג אויף אידישע קינדער, זיי האבּן נישט קיין בּלבּולים אויבּ דָאס איז געמַאכט פַאר זיי וכו' וכו'.

דו פרעגסט אויבּ דָאס איז געמַאכט פַאר פּשוטע'ע אידן אָדער דָאס איז אַן עֲבודָה פון צַדיקים; וויסן זָאלסטו אַז בַּיי די וועלט קוקט מען אָן די גאַנצע זַאך פון התבּודדוּת ווי אַ זַאך וואס געהערט פַאר צַדיקים. מען דערצֵיילט מַעשיות ווי מען פלעגט הערן צַדיקים רעדן צום אייבערשטן, מען האט געהערט ווי צַדיקים בּעטן אויף עסן, אויף אַ דינסט, אויף אַ הויז וכו' וכו'. מען שטעלט נישט צַאם אַז אונז פּשוטע'ע מענטשן קענען דָאס אויך טון און דַארפן דָאס טון; דָאס טוט דער רבּי, דער רבּי נעמט עֲבודות וואס זעט אויס ווי דָאס איז נָאר פַאר גרויסע מענטשן און ער בּרענגט אונז צו צו דעם; דער רבּי בּרענגט אונז צו אַז מיר זָאלן שפּירן דעם אייבערשטן און מיר זָאלן רעדן צו אים אַזוי ווי מען רעדט צו אַ גוטער פרַיינט.

ווען רבּי נָתן איז מקוּרָב געוואָרן צום הייליגן רבּי'ן איז ער געקומען צום רבּי'ן און אים דערצֵיילט אַלעס וואס גייט אַריבּער אויף אים וכו' וכו', האט אים דער רבּי געזָאגט: "נָתן, קום אַבּיסל שפַּאצירן". אַזוי גייענדיג האט דער רבּי אַרויף געלייגט זַיין הַאנט אויף רבּי נָתן'ס אַקסל און אים געזָאגט אַפָּאר ווערטער וואס די פָּאר ווערטער האט געטוישט רבּי נָתן'ס גַאנצע לעבּן, דער רבּי האט אים געזָאגט: "און וַוייטער איז גוט אַז מען רעדט זיך אויס דָאס הַארץ צום אייבערשטן אַזוי ווי מען רעדט זיך אויס דָאס הַארץ צו אַ גוטער פרַיינט"; דער רבּי האט אים דעמָאלט מגַלֶה געווען דָאס ענין פון התבּודדוּת, אַז אַ מענטש זָאל זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זַיין שפּרַאך וואס ער איז צוגעוואוינט צו רעדן און אים אַלעס דערצֵיילן, ער זָאל גָארנישט פַארהוילן פונעם אייבערשטן. דער רבּי האט געזָאגט פַאר רבּי נָתן אַז אויבּ ער וועט זיך צוגעוואוינען זיך צו פירן מיט די הַנהָגָה וועט אים אַלעס גיין גרינגער און ער וועט האבּן אַ זיס לעבּן.

רבּי נָתן זכרונו לברָכָה האט שפּעטער דערצֵיילט: "ווען דער רבּי האט אַרויף געלייגט זַיין הַאנט אויף מַיין אַקסל און מיר געזָאגט די ווערטער: 'און וַוייטער איז גוט אַז מען רעדט זיך אויס דָאס הַארץ צום אייבערשטן אַזוי ווי מען רעדט זיך אויס דָאס הַארץ צו אַ גוטער פרַיינט', האבּ איך פַארשטַאנען אַז איך בּין שוין אַ געהָאלפענער, ווַייל וואס עס זָאל נָאר נישט אַריבּער גיין אויף מיר וועל איך זיך נישט פַארלירן, נָאר גיין צום אייבערשטן און אים אַלעס דערצֵיילן".

וואויל איז דעם וואס איז זיך מתבּודֵד, ער בּעט דעם אייבערשטן פַאר זיך און פַאר אידישע קינדער; ער טַעֲנָה'ט מיט'ן אייבערשטן פַאר זיך און פַאר אַנדערע, ער זָאגט: "רבּונו של עולָם נישט דָא אַזא שיינע פָאלק ווי די אידישע קינדער, נישט דָא אַזא הייליגע פָאלק ווי די אידישע קינדער; דָאס וואס אידישע קינדער פַאלן אַרָאפּ אין עֲבירות דָאס איז נישט אַז זיי ווילן דָאס, נָאר דָאס איז פונעם יֵצֶר הָרַע. רבּונו של עולָם לייז אונז אויס פון דעם בּיטערן גָלות, מיר זענען אויסגעמישט צווישן גוים - דָאס מַאכט אַז מיר זָאלן אַרַיינפַאלן אין נישט גוטע זַאכן, מיר זענען געפינען אין די הענט פונעם יֵצֶר הָרַע, אָבער עכט ווילן מיר אַלע זַיין גוט".

דער רבּי האט אונז פָארגעהַאלטן און געפרעגט (שיחות הָרַ"ן, סימָן ע): "הַיִתָּכֵן שֶאָנו מַנִיחִין אֶת הַשֵם יִתבָּרַך שֶיַעֲשֶה וְיַחֲשֹב לִגזֹר גְזֵרוֹת בָּעוֹלָם?" הַיִתָּכֵן מיר לָאזן דעם אייבערשטן מַאכן גזירות אויף די וועלט; מיר דַארפן בּעטן דעם אייבערשטן ער זָאל רַחֲמָנות האבּן אויף אונז. ווַייל ווען אַ מענטש בּעט דעם אייבערשטן זָאל רַחֲמָנות האבּן אויף אים, ער שרַייט: "אייבערשטער איך וויל זַיין גוט, איך וויל זַיין אַן ערליכער איד", לָאזט דער אייבערשטער אָפּ כּבָיָכול אַלע גזירות און הערט אויס דעם מענטש ווי ער וויינט צו אים. דעריבּער זָאגן די הייליגע חֲכָמים (יומָא פו:): "רבּי מֵאִיר אוֹמֵר: גְדוֹלָה תְּשוּבָה - שֶבִּשבִיל יָחִיד שֶעָשָה תְּשוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תּשובָה איז אַזוי גרויס, אַז ווען אַ מענטש טוט תּשובָה איז מען אים מוחֵל און מען איז מוחֵל פַאר די גַאנצע וועלט; ווַייל דער מענטש זָאגט פַאר'ן אייבערשטן: "רבּונו של עולָם איך וויל זַיין, גוט קוק נישט אויף דעם וואס איך פַאל אַרָאפּ, און אַזוי ווי איך וויל זַיין גוט אַזוי ווילן אַלע אידישע קינדער זַיין גוט, יעדער איינער וויל זַיין ערליך נָאר יעדער איינער האט זַיינע נסיונות"; ווען אַ מענטש טַעֲנָה'ט אויף דעם וועג איז דער אייבערשטער מוחֵל אַלע עֲבירות.

דער אייבערשטער זָאל העלפן זָאלסט האבּן הַצלָחָה אין אַלע ענינים.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תש"פ)





נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (סט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי שִׁיף אוֹיף וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ הַאלְט זִיךְ אָט אָט בַּיים דֶערְטְרִינְקֶען, דֶער רֶבִּי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן אִין זְכוּת פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע זֵיידֶעס, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט זְכוּת אָבוֹת.**

גְלַייךְ דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וִוי אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁוַוארְצֶע וָואלְקְן קוּמְט אִין זֵייעֶר רִיכְטוּנְג, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל צוּמָאל קֶען אַזַא וָואלְקְן אַרַיינְצִיעֶן דִי וַואסֶער אוּן מַאכְן וִוי אַ גְרוּבּ אוֹיפְ'ן יַם, אוּן וֶוען דִי שִׁיף פַּאלְט דָארְט אַרַיין קֶען מֶען דָארְט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן. אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע צַייטְן שִׁיסְט מֶען אוֹיף דֶעם וָואלְקְן מִיט הוֹירְמַאטֶעס עֶס צוּ צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מֶעגְלִיכְקֵייט דָאס צוּ טוּן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט כְּסֵדֶר נָאר אַרוֹיסְשֶׁעפְּן דָאס וַואסֶער פוּן שִׁיף. ס'אִיז גֶעוֶוען צָרוֹת פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ה.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ בִּיס פוּן אַ זִיבּוּרָא אוּן אַן עַקְרַבָּא, וָואס פַאר אֵיינְס אִיז גוּט קַאלְט וַואסֶער אוּן פַאר דִי צְוֵוייטֶע הֵייס וַואסֶער, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט אוֹיף צָרוֹת וָואס עֶר זָאל נָאר טוּן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי פוּן אֵיין זַייט גֶעהַאט דִי וָואלְקֶענֶעס אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דִי שִׁיף זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּגֶעבְּן מִיט בֵּיידֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶער גֶעהָאלְפְּן אַז דִי גָאר שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְטְן הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁיף מִיט אַן אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶע שְׁנֶעלְקֵייט, דִי שִׁיף אִיז מַמָּשׁ גֶעפְלוֹיגְן וִוי אַ פַייל, אוּן וֶוען ס'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער וָואלְקְן הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען, ס'אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען דָארְט וִוי בֶּערְג מִיט טוֹיעֶרְן, אָבֶער דִי שִׁיף אִיז עֶס דוּרְכְגֶעפְלוֹיגְן בְּשָׁלוֹם.

דֶערְוַוייל הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם לָאךְ פוּן וואוּ דִי וַואסֶער פְלִיסְט אַרַיין אִינֶעם שִׁיף, זֵיי הָאבְּן גֶע'שָׁחְט'ן אַ צִיג אוּן גֶענוּצְט דִי הוֹיט צוּ פַארֶערְכְטְן דֶעם שִׁיף, אוּן אַזוֹי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה וָואס הָאט גֶעהוֹיעֶרְט אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּם פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ס'אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל "הוֹדוּ לַה'" (תְּהִלִּים ק"ז) – וָואס מְ'פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ – מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

**רצא**

פוּן דָארְט אִיז דִי שִׁיף גֶעפָארְן אוֹיף נָאךְ עֶטְלִיכֶע פְלֶעצֶער. צוּ עֶסְן אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זֵיי נָאר גֶעהַאט פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קֶעכֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פַארְטְרוּקֶנְטֶע בְּרוֹיט פוּנֶעם מַאגַאזִין, וָואס וֶוערִים הָאבְּן גֶעקְרָאכְן דֶערוֹיף. יֶעדְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט גֵיין זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים וִוי אַן אָרֶעמַאן בַּיים טִיר, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן אַבִּיסְל פוּן דִי בְּרוֹיט, אוּן נָאר דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן.

**רצב**

דֶערְוַוייל הָאט מֶען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָארְגְן וָואס זֵיי וֶועלְן טוּן אוּם פֶּסַח, וַוייל זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען פַּאסְטְן דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב.

נָאךְ אַ שָׁעָה צְוֵויי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט וָואס זִיצְט אוֹיף אַ גְרוֹיסְן פֶעלְז אִינְמִיטְן יַם, אוּן דָארְט הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער אַיינְגֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פְּרוּכְט, אוּן פַאר אַ טָאלֶער הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצְן הוֹיפְן בָּאקְסֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דֶערְוַוייל אִיז דָאס זֵייעֶר גוּט, מְ'וֶועט קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח בְּלוֹיז מִיט דִי בָּאקְסֶער, הַלְוַאי זָאל אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן עֶסְן מַצָּה אוּן דִי פִיר כּוֹסוֹת".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרוטה'לעך קאמפיין דערגרייכט

## דעם ציל ברוך ה', דורך 6,000 נדבנים

מיט שבח והודאה צום אייבערשטן איז די פרוטה'לעך קאמפיין געקרוינט געווארן מיט פיל סוקסעס. יעצט מיטוואך מיטאג, ווען די שורות ווערן געשריבן, האלט שוין דער שיסל ביי איבער 28 מיליאן פרוטות, און דאס איז צושטאנד געקומען דורך ביז יעצטיגע קרוב צו 6,000 נדבנים וואס האבן זיך אנגערופן אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שכיוון לבו לשם שמים, ווען די אלע אידן האלטן פאר די אויגן די געוואלדיגע זכיה ארויסצוהעלפן די הייליגע ברסלבע מוסדות, מיט אלע אירע סניפים, וואס זענען פקיע שמיהם, און מען זעט די ארבעט פון אלע מיטארבייטער וואס האלטן אלץ פאר די אויגן דער ציל וואס די הייליגע מוסדות דארפן אויפצוטון, נאר אריינצוברענגען אין אידישע קינדער די לויטערע אמונה, נאך א איד זאל געדענקען אז מען קען נאר אנטלויפן צום אייבערשטן, און אז ער איז מיט א איד אין יעדע מצב און יעדע צייט, און מען קען אלץ צוריק קומען צו אים, און אזוי ווייטער.

מען זעט ווי דעם רבינ'ס לימודים ווערן אנגענומען ביי אידישע קינדער, נישט לאנג צוריק האבן מענטשן נישט געוואלט הערן פון הייליגן רבינ'ס מוסדות, און זיכער נישט געבן קיין געלט דערפאר, אבער היינט ווייסט שוין יעדער אז דער הייליגער רבי איז דער וואס פארשטייט צו אונזער דור, ער האט די ריכטיגע עצות און לימודים וואס קענען אונז העלפן היינטיגע צייטן ווען יעדער מוטשעט זיך מיט אזויפיל שוועריקייטן ברוחניות ובגשמיות, און דאס האט זיך אנגעזען גאר שטארק ביים יעצטיגן קאמפיין, ווען אנשי שלומינו האבן גערופן זייערע קרובים און באקאנטע און געבעטן מנדב צו זיין צום קאמפיין, און יעדער האט זיי אויפגענומען אזוי שיין און געגעבן וויפיל מ'קען ברוח נדיבה.

**צדקתך צדק לעולם ותורתך אמת!**

***

# שאלות ותשובות פון ראש ישיבה שליט"א

## צייכנט אפ טויזנטסטע בריוו

איבער טויזנט בריוו זענען שוין געענטפערט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א אויף זייערע שאלות אין כל ענינים שבעולם, אייניגע קענען זיך נישט אן עצה געבן אין שטוב מיט די ווייב אדער קינדער, דער האט גייסטישע יסורים וואס ער זעט נישט א וועג ארויס דערפון, אנדערע ווילן א תשובה וויאזוי זיך אן עצה געבן מיטן יצר הרע וואס ברענט און לאזט נישט אפ, דא ווייגען בחורים און מיידלעך אז זיי דראפען זיך אויף גראדע ווענט און דארפן א שידוך, און אזוי ווייטער יעדער מיט זיינע נסיונות און שוועריקייטן וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, און זוכן אן עצה וואס צו טון. פילע זענען גאר האקעלע שאלות וואס עס איז כמעט נישטא קיינער וואס געבט זיך אפ דערמיט, און די אידן זענען נעבעך פארצווייפלט און פארלוירן נישט ווינסדיג וואו זיך אהין צו טון, און געלויבט דער אייבערשטער אז דער ראש ישיבה שליט"א לאזט זיך אראפ און ענטפערט יעדן בטוב טעם ודעת, את המעשה אשר יעשון, און באלייכט אונז די אויגן מיט די וועגן פון הייליגן רבי'ן לויט ווי מיר האבן אלע יארן געלערנט פון מוהרא"ש זי"ע.

יעצט ווערט אפגעצייכענט דער "טויזנטסטער" בריוו, וואס האבן מחיה געווען נישט נאר די טויזנט אידן וואס האבן געפרעגט די שאלה דירעקט, נאר פילע צענדליגע טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט זענען זיך מחיה מיט די אלע בריוו, יעדע וואך לייגן מיר אריין דא אינעם גליון געקליבענע בריוו פון די וואך, אלע בריוון פון די וואך ווערן געדרוקט אין די קונטרסים "עצתו אמונה" וואס קומט ארויס בעז"ה יעדע וואך און ווערט צעשפרייט דורך די חשובע מפיצים, ווי אויך קען מען עס שוין היינט באקומען אויף די פאסט איבער גאנץ אמעריקע, מ'קען עס באשטעלן אויפ'ן נומער 718-387-2691 און דרוקט 3.

דערנאך ווערן די אלע בריוו געדרוקט אין די ספרי "עצתו אמונה" וואס האלט שוין יעצט ביים דריטן באנד. מען קען נעמען א חלק אין דרוקן די הייליגע ספרים וואס ברענגען צוריק פילע אידן צום אייבערשטן, דורכ'ן איבערגעבן די נדבה פערזענליך פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, אדער רופן 347-831-1391 צו געבן א קרעדיט קארד דורכ'ן טעלעפאן, אזוי אויך קען מען שיקן אן אימעיל צו mail@kerenhadfusa.org.

**על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו!**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן נייששטיין** שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די אפשערן פון זיין אינגל**

**אליעזר שלמה ני"ו למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם אלי' פרידריך** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין אינגל יוסי ני"ו למזל טוב**

## כ'וויל זיין א איד

**ס'איז שווער, איך מוטשע זיך, פרישע נסיונות יעדן טאג; אבער נאכאלץ וויל איך זיין אן ערליכער איד**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 36**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**